**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט גרענד צענטראל מעדיסאן'ס ערשטע יאר אין דינסט**

***מער פון 17 מיליאן פאסאנזשירן האבן גענוצט גרענד צענטראל מעדיסאן***

***1.2 מיליאן סיטי טיקעטס פארקויפט פון/צו גרענד צענטראל מעדיסאן, 81,444 'קאַמבאָו' טיקעטס פארקויפט***

***קאווע הויז/באר ערווארטעט זיך צו עפענען אין 2024***

***96 פראצענט צופרידנהייט ראטע צווישן פאסאנזשירן***

גאווערנער קעטי האקול און בעאמטע פון די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האט היינט געפייערט די בעפארשטייענדע ערשטע יארטאג פון די MTA'ס היסטארישע עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן, וואס האט געברענגט נייע געלעגנהייטן אויף די לאנג איילענד רעיל ראָוד (Long Island Rail Road, LIRR) און פארבעסערט ניו יארק'ס ראיאנישע פארבינדונג.

"די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן האט באצייכנט א נייע אנהויב פון רייזע און ראיאנישע פארבינדונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס האט געברענגט באדייטנדע בענעפיטן פאר די צענדליגע טויזנטע ניו יארקער וועלכע פארלאזן זיך דערויף יעדן טאג, און עס ווייזט די וויכטיגקייט פון פארזעצן צו אויסברייטערן טראנספארטאציע אריבער דעם ראיאן."

די טערמינאל'ס טירן האבן זיך אפיציעל געעפנט פאר די פובליקום צום ערשטן מאל אום דאנערשטאג, יאנואר 25, 2023, מיט באנען פארנדיג צווישן דזשעמעיקע סטאנציע און די טערמינאל. די פולע רייזע סקעדזשולס, אריינברענגענדיג א 41 פראצענטיגע העכערונג אין רייזעס אריבער די סיסטעם, זענען איינגעפירט געווארן אום פעברואר 27. זינט עס איז געעפנט געווארן איז די טערמינאל געווען די אנפאנג אדער דעסטינאציע פון 17.1 מיליאן רייזעס, און 289 באנען פארן יעצט טעגליך דורכאויס דעם וואך. די פראצענט פון פאסאנזשירן צווישן גרענד צענטראל מעדיסאן און פען סטאנציע זעצט פאר צו וואקסן אויף אן איינהייטליכן פארנעם אין ריכטונג פון די פארגעשאצטע צוטיילונג, דערגרייכנדיג א צוטיילונג אין די פארנומענע שעה'ן פון 60 פראצענט/40 פראצענט לעצטער דאנערשטאג אינדערפרי, יאנואר 19, מיט 34,117 פאסאנזשירן פארנדיג צו פען סטאנציע און 22,351 פארנדיג צו גרענד צענטראל מעדיסאן.

זינט די פולע סקעדזשולס זענען איינגעפירט געווארן אום פעברואר, האט LIRR פארקויפט 44,573 'קאַמבאָו' טיקעטס אין 2023, און מעטראָו-נארט האט פארקויפט 36,871, מיט א סך הכל פון 81,444 טיקעטס ביידע צוזאמען, אנדייטנדיג אז מענטשן ווערן מער באקוועם און נוצן מער רייזעס צווישן ראיאנען נוצנדיג פובליק טראנספארטאציע. די דיסקאונט 'סיטי טיקעט' פאר רייזעס אינערהאלב ניו יארק סיטי איז אויסגעברייטערט געווארן צו פארנומענע שעה'ן אין יולי פון 2023, און 1.2 מיליאן זענען פארקויפט געווארן פון/צו גרענד צענטראל מעדיסאן זינט עס איז געעפנט געווארן.

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "עס איז ווערט צו פייערן וויאזוי גרענד צענטראל מעדיסאן האט פארקערצערט די רייזעס פאר מיליאנען און ערמעגליכט א דראמאטישע 41 פראצענטיגע העכערונג אין די צאל LIRR רייזעס, אריינרעכנענדיג צום ערשטן מאל גוטע אפציעס צו פארן אויף די וועג צוריק וואס האבן פארבינדן סיטי איינוואוינער מיט דזשאבס אויף די איילענד און ערלויבט לאנג איילענד ביזנעסער צו רעקרוטירן טאלאנטפולע ארבייטער פון דעם גאנצן ראיאן. מיר זענען דאנקבאר צו האבן געהאט די אנטשיידענע שטיצע פון גאווערנער האקול, וואס האט אנערקענט גרענד צענטראל מעדיסאן'ס בענעפיטן פון די ערשטע טאג פון איר אדמיניסטראציע."

**MTA לאנג איילענד רעיל ראָוד צייטווייליגע פרעזידענט ראָב פרי האט געזאגט,** "גרענד צענטראל מעדיסאן האט נישט נאר אהערגעשטעלט די גרעסטע העכערונג אין די צאל רייזעס אין די היסטאריע פון LIRR, נאר עס האט אויך פארשטערקערט די נעטווארק'ס שטאנדהאפטיגקייט מיט א צווייטע טערמינאל אין מאנהעטן, גיבנדיג פאר פאסאנזשירן פארלעסליכע, אלטערנאטיווע אפציעס צו און פון די סיטי. די נייע באן אפציעס האבן אפילו געשאפן געלעגנהייטן צו ארומפארן אינערהאלב די איילענד. מיט אפטערע באנען קענען פאסאנזשירן דאס אויסנוצן צו אנטדעקן מער פון לאנג איילענד מיט די באן. מיר זענען שטאָלץ מיט די פארשריט וואס מיר האבן געמאכט און פון די LIRR שטאב וואס איז געווען א חלק פון די היסטארישע מסע. דאס איז בלויז די אנהויב, און מיר קוקן ארויס צו זעהן מיליאנען מער פאסאנזשירן אריבערפארנדיג גרענד צענטראל מעדיסאן."

**MTA מעטראָו-נארט רעילראוד פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "עס איז געווען אן עהרע צו שטיין אין שפיץ פון די LIRR מאנשאפט ווען די באאיינדרוקספולע טערמינאל איז געעפנט געווארן און צו האבן געווען א טייל פון די היסטארישע דערגרייכונג פאר LIRR און פאר דעם ניו יארק ראיאן. צום ערשטן מאל זענען LIRR, מעטראָו-נארט, און די סאָבוועי אלע אונטער איין דאך — און בלויז עטליכע טריט אינדרויסן איז דא צוטריט צו צען באס רוטס. מיט מער פון 80,000 'קאַמבאָו' טיקעטס פארקויפט איז דאס קלאר אז LIRR און מעטראָו-נארט פאסאנזשירן נוצן אויס די נייע באנען צו פארבינדן ווערן מיט נייע ערפארונגען אריבער אונזער ראיאן."

**פארמערטע שטאנדהאפטיגקייט צו מאנהעטן**
דאס האבן א צווייטע טערמיאל שאפט א מער שטאנדהאפטיגע און בויגזאמע LIRR נעטווארק. עס גיבט פאר פאסאנזשירן אן אלטערנאטיווע וועג צו אנקומען צו זייערע דעסטינאציעס אויף א מער פארלעסליכן פארנעם אין פאל פון באן שטערונגען באטרעפנדיג פען סטאנציע סערוויס. ענליכערהייט שטיצט עס די אויפהאלטונג און ארבעט צו האלטן די סטרוקטורן אין א גוטע צושטאנד בשעת'ן מינימיזירן די שטער צו פאסאנזשירן. בלויז דעם פארגאנגענעם דעצעמבער האט ארבעט וואס איז געטוהן געווארן סוף וואך אויף די וועסט סייד יאַרד, די גרעסטע באן יאַרד וואס געפונט זיך צו מערב פון פען סטאנציע, פארלאנגט אז עטליכע רעלסן זאלן ארויסגענומען ווערן פון דינסט כדי צו אינסטאלירן נייע סוויטשעס. LIRR האט געקענט פארזעצן מיט אירע באנען אריין צו מאנהעטן דורכן שיקן די באנען צו גרענד צענטראל מעדיסאן בשעת די ארבעט איז אנגעגאנגען.

**פארבעסערונגען זינט די עפענונג**
סקעדזשולס זענען סטראטעגיש צוגעפאסט געווארן באזירט אויף קאמענטארן וואס זענען צוריקגעהערט געווארן פון פאסאנזשירן און אויף ציפערן, בשעת'ן היטן אויף א באלאנס צווישן די פארשידענע אפעראציע עלעמענטן צו פארזיכערן פארלעסליכקייט פון די באנען. אין די טערמיאל אליין זענען די עסקעלעיטארס געענדערט געווארן צו גיבן מער קאפאציטעט אויף די וועג ארויף אינדערפרי, אפטערהייט האבנדיג אלע עסקעלעיטארס חוץ פון איין ביי יעדע סעט פון עסקעלעיטארס פארנדיג ארויף צו די מיטעלע שטאק.

באזירט אויף לעצטע יאר פרילינג'ס פאסאנזשירן אנקעטע (Customers Count Survey) וואס ווערט דורכגעפירט איינמאל יעדע האלבע יאר, זאגן 96 פראצענט פון גרענד צענטראל מעדיסאן פאסאנזשירן אז זיי זענען געווען צופרידן אדער גאר צופרידן מיט די טערמינאל — די העכסטע ראטע פון סיי וועלכע

סטאנציע אדער טערמינאל אריבער די LIRR. אבער כדי צו פארבעסערן די ערפארונג פאר פאסאנזשירן, זענען נאך שילדן אינסטאלירט געווארן צו גרינגער מאכן צו טרעפן די וועג אין די פאסאנזשירן זאל, און אין נאוועמבער איז סעלולארישע סערוויס אקטיוויזירט געווארן אין גרענד צענטראל מעדיסאן טונעלן, צולייגנדיג צו די עקזיסטירנדע סעלולארישע און ווײַ-פײַ נעטווארק אין די סטאנציע, צושטעלנדיג א מער באקוועמע און הנאה'דיגע רייזע. דיגיטאלע סקרינס זענען אויך אינסטאלירט געווארן אין גרענד צענטראל מעדיסאן מיט אינפארמאציע איבער ארויספארנדע מעטראָו-נארט באנען, און סקרינס אין גרענד צענטראל טערמינאל זענען אינסטאלירט געווארן מיט אינפארמאציע איבער ארויספארנדע LIRR באנען.

די MTA קוקט יעצט איבער פארשלאגן פאר א קאווע הויז/באר קעגנאיבער די טיקעט אפיסעס אין גרענד צענטראל מעדיסאן, מיט אן ערווארטעטע עפענונג דאטום שפעטער היי יאר.

**א טראנספארמירטע לאנג איילענד רעיל ראָוד**

אין די צייט אפשניט בעפאר די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן, האט LIRR פארענדיגט אנדערע גרויסארטיגע פראיעקטן וואס האבן מאדערניזירט טראנספארטאציע אין לאנג איילענד מיט ערשט-קלאסיגע רעלסן סיסטעמען ווי צום ביישפיל דער 2.5 ביליאן דאלארדיגער מעין ליין אויסברייטערונג פראיעקט, דער 478 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו צולייגן צווייטע רעלסן צו די ראַנקאַנקאמע אפטיילונג מזרח פון פארמינגדעיל, דער 150 מיליאן דאלארדיגער 17 סטעישען פארבעסערטע סטאנציע איניציאטיוו פראיעקט און דער 77 מיליאן דאלארדיגער היקסוויל סטאנציע אויפרעכטונג פראיעקט. די מולטי-ביליאן-דאלארדיגע אינוועסטירונג, צוזאמען מיט די מאדערניזירונג פון די הערצלד 'אינטערלאַקינג' (וואו רעלסן קומען זיך צוזאם) – די מערסט פארנומענע אינטערלאַקינג' אין דאס לאנד – פארבעסערט די געשליפנקייט פון אפעראציעס, פארגרעסערט די קאפאציטעט פון די רעלסן צו קענען פירן נאך 289 טעגליכע באנען און רענאווירט צענדליגע סטאנציעס מיט נייע איינריכטונגען און צוגענגליכקייט פארבעסערונגען, שאפנדיג א באקוועמערע ערפארונג פאר פאסאנזשירן און א פארלעסליכע טעגליכע רייזע.

אין צוגאב, האט LIRR געעפנט איר ערשטע סטאנציע אין 50 יאר – די עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע – פארמערנדיג צוטריט צו סטאנציעס און רעדוצירנדיג אנגעלייגטקייט דורכן אפפערן אן אנהאלטבארע און באקוועמע אפציע פאר מענטשן וואס באטייליגן זיך ביי געשעענישן.

גרענד צענטראל מעדיסאן איז די גרעסטע פאסאנזשיר באנען טערמינאל צו געבויט ווערן אין דאס לאנד אין 67 יאר, און עס איז געווען איינס פון די גרעסטע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין די פאראייניגטע שטאטן אין לעצטערע יארן. די טערמינאל האט צוויי-שטאקיגע היילן וואס האלטן פיר פלאטפארמעס און אכט רעלסן, און עס איז די היים צו פערמאנענטע 'מאָזעאיק' קונסטווערק דורך אינטערנאציאנאל בארימטע קונסטלער, יאַיאָוי קוסאמא און קיקי סמיט. אויף דעם ערשטן טאג פון פולע סערוויס איז די ערשטע באן אין די פארנומענע שעה'ן אינדערפרי געווען די 4:57 אינדערפרי באן פון העמפסטעד, אנקומענדיג צו גרענד צענטראל מעדיסאן אומגעפער 5:48 אינדערפרי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן